בס"ד | פרשת בחקותי תשפ"ד | גליון ב

# דער האיחוד

יו"ל ע"י
איחוד
חסידי
מונקאטש

כִּי תְקַדְּמֶנּוּ בִּרְכוֹת טוֹב תָּשִׁית לְרֹאשׁוֹ עֲטֶרֶת פָּז

## יומא דהילולא

### שבת המיוחס בצלא דמהימנותא

שב"ק פרשת במדבר
ב' סיון תשפ"ד

פ"ז שנה להסתלקות רבינו הק' זי"ע

עס איז נישט דא א וועלט אָן דעם הייליגען מנחת אלעזר

אן אינטערוויו מיטן אויבער-ראבינער

לְאוֹרוֹ נִסַּע וְנֵלֵךְ מאמר ב

סעודת הילולא ב' סיון תשנ"ח בצל הקודש

הדפסת הגליון נתנדב על-ידי ידידינו הנכבד והמפואר
מו"ה מנחם מענדיל גרינבערגער הי"ו וזוגתו תחי'
לעילוי נשמת אביו, הרב שלמה בן ר' זאב ז"ל, תלמיד מובהק וחשוב למרן רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע, נפטר א' דחג השבועות תשס"ד
ולעילוי נשמת אמו, מרת פיגא בלימא ע"ה בת ר' מאיר הכהן (קאהאן) ז"ל, נפטרה יום הקדוש תשע"ה

יוֹם קָדוֹשׁ הוּא מִבּוֹאוֹ וְעַד צֵאתוֹ...כָּל עֲדַת יִשְׂרָאֵל יַעֲשׂוּ אוֹתוֹ:

**"שבת המיוחס" בצלא דמהימנותא קדישא וועט אי"ה געפראוועט ווערן בהתאספות קהל עדתינו הקדושה חסידים ואנשי מעשה מקרוב ומרחוק**

מִי שֶׁטָּרַח בְּעֶרֶב שַׁבָּת יֹאכַל בְּשַׁבָּת:

**שטאב פון געטרייע עסקנים ארבעטן מיט פלייס אהערצושטעלן אלע דעטאלן פונעם "שבת המיוחס" אויפן שענסטן פארנעם**

מֵעֶרֶב מַזְמִינִים כָּל מִינֵי מַטְעַמִּים:

**סעודת שבת קודש לכל הקהל הקודש וועט בעה"י צוגעשטעלט ווערן כיד המלך אויף א געשמאקן ברייטן פארנעם**

מַה יְּדִידוּת מְנוּחָתֵךְ אַתְּ שַׁבָּת הַמַּלְכָּה בְּכֵן נָרוּץ לִקְרָאתֵךְ:

**וועד האש"ל שטארק בעאיינדרוקט פונעם ציבור, מיטן זיך איינשרייבן צייטליך פאר די סעודות שבת קודש און אכסניות**

# הונדערטער אנ"ש נעמען טייל אינעם "סיום הש"ס" לכבוד ההילולא קדישא

## לויט די בקשה און פארלאנג פון רבינו הקדוש זי"ע אין די הייליגע צוואה

צום צענטראלן "סיום הש"ס" וואס ווערט יערליך אפגעהאלטן לכבוד די הילולא קדישא - ב' סיון, האבן זיך היי-יאר ווידער אנגעשלאסן הונדערטער אנ"ש, פון איבער די גארער וועלט, וועלכע האבן זיך אונטערגענומען צו לערנען בלעטער גמרא, צען דפים אדער מער, און מיטן כח הרבים טוט מען בעה"י מסיים זיין גאנץ ש"ס עטליכע מאל.

כנהוג, וועט די "סיום הש"ס" אפגעראכטן ווערן אי"ה ביים עריכת שלחנו הטהור פון כ"ק מרן רבינו שליט"א לכבוד ההילולא, ביום שבת קודש אחצ"ה, בהיכל קודש בית מדרשינו הגדול, במקהלות עם רב. רבינו שליט"א וועט בעה"י ווי יאר-יערליך פארזאגען דעם סיום הש"ס, זאגען דעם "הדרן", און משמיע זיין דעם דבר ההילולא בדברות קדשו.

*

דאס לערנען תורה שבעל פה לכבוד היארצייט, איז איינגעפירט געווארן גלייך צום ערשטן יומא דהילולא - ב' סיון תרח"צ.

צווישן די רייע "החלטות" וואס זענען דאן - ביים ערשטן הילולא - אונטערגענומען געווארן ביים כינוס התלמידים, ציילט זיך דעם סעיף, אז איבעראל ווי עס זענען פארהאן חבורות תלמידים און חסידים, זאל מען מסיים זיין ש"ס אדער משניות בכל שנה ושנה אינעם יומא דהילולא.

די תקנה איז איינגעפירט געווארן לויטן פארלאנג און בקשה פון רביה"ק זי"ע אין זיין הייליגע צוואה (סעיף יט), ווי ער שרייבט: **וגם אבקש את יו"ח ואנ"ש התלמידים וידידים שילמדו בעדי משניות... ובפרט ביום היארצייט יזכרוני לטובה בלימוד ותפלה ובכל ענין. ומכחכם שחדו בעדי, עד עת התחיה במהרה בימינו.**

*

דאס אליין איז כדאי צו באטראכטן. דער הייליגער רב זי"ע באניצט זיך דא מיטן אויסדרוק פון בעל הפייטן אין די סליחות פון "זכור ברית": ומכחכם שחדו בעדי. אז מיטן כח פון לימוד משניות, וואס זיינע ידידים און תלמידים וועלען נאך איהם לערנען, וועט ער באקומען אן אונטערשטיצונג, בעולם הבא.



מודעה!

להתאחדות התלמידים, אשר זכו ליקח לקח מפי רבינו הקדוש מרן האבדפה"ק מונקאטש בעל "מנחת אלעזר" הכ"מ זי"ע תחת צל ישיבתו הרמה "דרכי תשובה" נגמר בינינו ללמוד ולחלק סדר הש"ס בין כל התלמידים' והסיום לטובה תהי' אי"ה ביומא דהלולא שלו ב' סיון בהתאסף התלמידים יחדיו. וכדי שיכולים התלמידים להודיע אותנו איזה מסכת בחרו להם שלחנו לכל התלמידים אשר ידענו מקום מושבם כרטיסים לצורך זה וכן קבלנו מהם התשובה אבל מהרבה אין אנו יודעים את האדרעססע שלהם וכן אותם שלא השיבו עוד, באנו בזה להודיע אותם ולבקש מהם בעוד משך שמונה ימים יודיעו אותנו איזה מסכת בחרו להם וכדי שעי"ז נוכל לערוך על המוגמר לכתוב לזכר כל התלמידים על הטבלה המיוחד לזה, וזכות רבינו הקדוש זללה"ה יגן עלינו בכל מעשי ידינו לטובה :

הנהלת הישיבה רבתי "דרכי תשובה"

דפה"ק מונקאטש יצ"ו

עס כאפט א שוידער ביים אריינקלערן אין די ווערטער, ווי דער מלאך האלקים, רבינו הגדול והקדוש זי"ע, זאגט אז דורך דאס לערנען פון אונז פשוט'ע מענטשען וועט זיין נשמה האבן א טובה. דאס איז נאך א פונקט פון דעם זעלטענעם ענוות פון רבה"ק זי"ע, וואס קומט צום שטארקן אויסדריק אין זיין הייליגע צוואה.

אבער אנ"ש, תלמידיו ותלמידי תלמידיו, פארשטייען זייער גוט, אז אפילו מען היט אפ די הייליגע צוואה, און מען נעמט אנטייל אין די סיומים, איז דאס נישט נאר א טובה צו טוהן פאר זיין הייליגע נשמה. אדרבה, מיר האפן אויף אסאך מער. מיטן כח פון ערפילן זיין וואונטש, וועלן מיר זוכה זיין צו געניסען פון זיינע גרויסע כוחות וואס דער צדיק הדורות האט בעלמא דקשוט. ביים לערנען בעטן מיר א ווארימע תפלה: ומכחו הגדול ישחד בעדינו, וזכותו יגן עלינו ועל זרעינו ועל כל בית ישראל.


עס איז
נישט דא
א וועלט
אן דעם הייליגע
מנחת אלעזר

**ביים** ל"ג בעומר טיש, בהאי שתא, האט כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א - צווישן די פילע מאמרי קודש וואס ער האט משמיע געווען לכבוד התנא אלקי רשב"י - דערמאנט דעם פאלגענדן שטיקל "דברי תורה" (מהדורא קמא אות ס) פון כ"ק מרן אדמו"ר בעל מנחת אלעזר זי"ע:

מיר טרעפן אסאך מאל אין זוהר הקדוש (ראה ח"א פג, ב. ח"ג כג, א), אז ווען רבי שמעון בן יוחאי האט געזאגט דברי תורה און ער האט אנטפלעקט הויכע סודות, האבן די חבריא געוויינט און געזאגט "וי כד תסתלק מן עלמא" - ווי וויטאגליך וועט זיין ווען דו - רבי שמעון בן יוחאי - וועסט נסתלק ווערן פון די וועלט, "מאן ינהיר דאורייתא" - ווער וועט דעמאלטס לעכטיג מאכן די תורה?

שטעלט זיך רבינו זי"ע מיט שטוינונג און וואונדער: ווי אזוי האבן זיי זיך געטרויעט, צו רעדן אזוי פאר א לעבעדיגען מענטש אין פנים אריין: אז דו גייסט נסתלק ווערן. און קלאגן אויף וואס וועט זיין נאך זיין הסתלקות. איבערהויפט פאר רבי שמעון בר יוחאי - זייער רבי? וואס האבן זיי געוואלט דערמיט אויפטוהן?

נאר די פשט איז אזוי:

ווען די חבריא זענען געזיצן מיט רבי שמעון בן יוחאי, איז זיי לעכטיג געווארן, דאס הייסט, רבי שמעון בן יוחאי האט זיי משפיע געווען רוח הקודש, אז זיי האבן געקענט זעהן דעם עתיד. זיי האבן ערשט דעמאלטס געקענט אנהויבן זעהן, וואס פאר א וועלט עס גייט אמאל זיין. עס וועט זיין א וועלט - אָן רבי שמעון בן יוחאי! ממילא האבן זיי געזאגט פאר רבי שמעון: מיר בעטן פון דיר, דו זאלסט אונז צוזאגן אז די וועלט וועט חלילה קיינמאל נישט אזוי פאר'יתומ'ט בלייבן. אפילו ווען דו וועסט שוין נישט דא זיין, "כד תסתלק מן עלמא", זאל די וועלט נישט פארטינקלט ווערן פון דיין לעכטיגער אור! זאלסט אונז אלץ אינזין האבן!

און מיט דעם האבן זיי טאקע גע'פועל'ט אז די וועלט איז באמת נישט געבליבן אָן רבי שמעון בן יוחאי. מען זעהט איהם נישט בגוף, אבער מען איז נישט פאר'יתומ'ט פון איהם! זיי האבן איהם ערוועקט, און ביי איהם גע'פועל'ט, אז ער זאל געדענקן ממשיך צו זיי די כח פון זיין הייליגע תורה, אויך אויף נאך זיין הסתלקות. זיין לויטערע קלארע שיין זאל זיך נישט אפטוהן פון אונז, נאר מיר זאלן בלייבן מיט זיין אור מיט וואס זיך צו קענען אויפהאלטן אין גלות.

יעדער איינציגער איד קען מעיד זיין, אז דער הייליגער תנא רבי שמעון איז נישט אוועק פון אונז, ער האט אונז קיינמאל נישט איבערגעלאזט. נאר ער און זיין תורה איז מיט אונז פארבליבן, עס זאל אונז לעכטיג זיין אינעם חשכות הגלות, ביז משיח וועט קומען.

*

**דאס דערמאנט אונז, וואס מיר האבן געהערט פון רבינו שליט"א, ערב יום ההילולא פאר זיבן און צוואנציג יאר צוריק!! נאכדעם וואס רבינו שליט"א האט נאכגעזאגט דעם שמועה מפיו, האט ער במתק לשונו מיט גרויס רגש דאן באטאנט:**

דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע רעדט פון רבי שמעון בן יוחאי, אבער אזוי פיל ווייסט שוין דער וועלט, און אוודאי אונז מונקאטשער חסידים ותלמידים, אז דער מנחת אלעזר האט געקענט רעדן פון רבי שמעון בן יוחאי, אבער געמיינט האט ער אויך זיך אליינס!

ער רופט עס רבי שמעון בן יוחאי, אבער עס גייט פונקט אזוי ארויף אויפן הייליגען מנחת אלעזר! ווייל נאך אין זיין צייט, האבן בני דורו, זיינע חסידים און תלמידים, זיך נישט געקענט

פארשטעלן עס זאל זיין א וועלט אָן דעם הייליגען מנחת אלעזר.

איך ווייס אן עובדא, אז דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע, זייענדיג אמאל אויף א ברית אין די שטאט אוהעל, האט אנגעהויבן זיך אפרעדן אויפן חשכות הדור, און האט זיך אויסגעדריקט "דאס איז נישט קיין וועלט". עס איז דערביי אנוועזענד געווען אן איש זקן וועלכער האט זיך אנגערופן: איך געדענק נאך אייער זיידע'ן רבי שלמה'לע, ווען ער איז דא געווען, האט ער שוין אויך אזוי געזאגט, אז אנעם הייליגען דברי חיים וועט נישט זיין קיין וועלט. אבער די וועלט איז למעשה ווייטער וועלט. נאכדעם געדענק איך אויך ווי אזוי אייער פאטער האט געזאגט, אז אָן זיין טאטע - רבי שלמה'לע - איז נישט קיין וועלט. אבער איך זעה אז די וועלט איז ווייטער יא א וועלט. און דא זאגט דער רבי ווייטער אז אָן די צדיקים איז נישט קיין וועלט... אז דער רבי איז דא מיט אונז, איז דא א וועלט...

האט דער הייליגער מנחת אלעזר געענטפערט, בדמעות שליש און מיט א רירנדער קול: וואס זאל איך טוהן אז עטס רעדטס ענק איין אז דאס איז אויך א וועלט... ? אבער איך ווייס בעסער אז עס איז נישט קיין וועלט...?

רבינו שליט"א האט דאן אויסגערופן: דאס האט דער זיידע זי"ע געזאגט. אבער איך וועל אזוי זאגן:

א וועלט אָן דעם הייליגען מנחת אלעזר איז טאקע נישט קיין וועלט. ריכטיג.

> **א וועלט אן דעם הייליגען מנחת אלעזר איז טאקע נישט קיין וועלט. ריכטיג. אבער עס איז נישט דא אזא מציאות ווי א וועלט אן דעם הייליגען רבי!**

אבער עס איז נישט דא אזא מציאות ווי א וועלט אָן דעם הייליגען רבי!

"אפשר זעה איך עס מער ווי אן אנדערער, אפשר זעהט אן אנדערער אויך אזוי! דער מנחת אלעזר זי"ע האט נישט פארלאזט די וועלט"!

*

מיר האבן לעצטענס געהערט מפה קדשו פון רבינו שליט"א, ווי ער האט במעמד רבים מרחיב געווען דעם דיבור און משמיע געווען קלארע דייטליכע ווערטער, ווי ווירקליך עס איז דעם פריערדערמאנטן אויסדרוק אויף יעדע סארט בחינה, אז "עס איז נישט דא קיין וועלט אָן א מנחת אלעזר":

אין די גאנצע וועלט, טרעפט מען היינט מונקאטש.

צום אלעמען ערשט איז פשוט. כמעט אין יעדן הלכה ספר; כמעט אין יעדע תשובה להלכה; כמעט אין יעדן סיפור פון צדיקים; איז פארהאן דער מנחת אלעזר זי"ע. עס איז נישט דא קיין ענין אדער א טעמע אין וואס תלמידי חכמים, אדער חסידים ואנשי מעשה, זאלן דערין עוסק זיין, וואס זאל נישט האבן 'מונקאטש' דערינען. צי איז דאס דברי תורה, מנהגים און מסורת אבות, עניני קבלה ומושגי חסידות, פסקי הלכה, השקפות ועניני דיעות און אזוי ווייטער.

אבער על כולם, האט רבינו שליט"א ערוועגט, "צו איך וועל זאגן אדער נישט זאגן, ווייסט יעדער דעם אמת". מיר שטייען היינט אין א סכנה'דיגער וועלט, נישט נאר אונז דא אין אמעריקא, נאר יעדע איד בכל מקום שהוא. צו אין ענגלאנד אדער פראנקרייך, צי ער איז אין ארץ ישראל אדער סיי ווי מעבר לים. ווי נאר ער גייט ארויס אויף די גאס איז דא א סכנה, פארוואס? ווייל ער איז א איד!

ווער האט דאס פאראויסגעזעהן אז עס וועט נאך אמאל קומען אזא "עת צרה ליעקב"!? דאס איז זיכער, אז אויף אזוי ווייט ווי דער הייליגער רב, דער מנחת אלעזר, האט געזעהן, האט קיינער נישט געזעהן און פאראויס געזאגט!

נישט נאר ער האט געזעהן פאר זיך אליינס, נאר ער האט דאס אן קיין פחד

## "ונשמרתם מאוד אל תתגרו בם"

וזהו שנאמר בהמשך הכתובים (דברים ב, ד) **"אתם עוברים בגבול אחיכם בני עשו"**, גלות אדום הלז כנזכר. **"וייראו מכם"**, שיחשבו להטיב לכם, על ידי שיראו מכם יראת הכבוד - לפנים - בתורת נאציאן, כמו שכתבו בהמאנדא"ט החנוף על ידי השר בע"ל פעו"ר, ובאמת הכל הבל, ואך להרע בגוף ובנפש האמונה כנזכר. ועל ידי זה ירחיקו את הקץ ח"ו בחסרון האמונה והתשובה על זה כראוי. על כן **"ונשמרתם מאוד"** מזה, שלא להתחבר לשום אגודות וחבורות אלו הלוקחים מזכות החופש הלז, ונקראים בתור המאנדא"ט השקר הלז. **"אל תתגרו בם"**, כי על ידי זה יתגרו בהאומות הדרים כעת בארץ הקודש הערביים והיונים ודומיהן לאין שיעור, וקנאה ותחרות מעורר בין האומות ולבלי תכלית טוב בעדנו. **"כי לא אתן לכם מארצם"** לעת עתה בגלות, **"עד מדרך כף רגל"**,
**כי הקאלאניע"ן האלו בארץ ישראל יגרשו את בני ישראל משם, זהו יהיה הסוף. או שיצאו מהדת תורתינו הקדושה, וממילא לא יחשבו לבני ישראל, או גם שניהם יהיה תרתי לריעותא.**

חיים ושלום פרשת דברים

און מורא אויסגעשריגן, זיך 'גערקריגט' דערוועגן מיט א גאנצע וועלט. ער האט געשריבן, ער האט געווארנט און געבעטן. ער האט איבערגעלאזט א צוואה. ער האט געבעטן ביי די וועלט, און בפרט פון זיינע קינדער און תלמידים, מען זאל זיך כאפן וואס די ציונים טוהן, מען זאל זיך נישט מתחבר זיין צו זיי דורך קיין שום פארטיי, נישט מיט קיין אגודיסט"ן, נישט מיט קיין מזרחיסט"ן, נישט קיין ציאניסט"ן אליין, ווייל ער האט פאראויס געזעהן וואס פאר א סכנה נורא זיי וועלן ברענגען אויף די וועלט!

דערפאר, אויב וועט איינער פרעגן ווי נאך זעהט מען היינט מונקאטש? איז די ענטפער אויף דעם איינדייטיג: אויך אין יעדן ווינקל אויף די גאנצער וועלט!

ווען עס טוט זיך דא, ווען עס טוט זיך דארט; וואס עס טוט זיך אין ארץ ישראל; רדיפות און פלאגענישן ווייל אונז זענען אידן; אין אלעס זעהט מען 'מונקאטש' - דעם קלארן דעת תורה און השקפה טהורה פון רבינו זי"ע. ווייל ווער עס האט אפענע אויגן, ווער עס איז וויליג צו זעהן און אנערקענען, קוקן מיט א קלארע אמת'ע בליק אויף די היינטיגע וועלט, זעהט ער און טרעפט דעם הייליגען מנחת אלעזר זי"ע אין יעדן איינציגען ווינקל. פון יעדע שטיין אין גאס הערט זיך דעם קול פון הייליגען מנחת אלעזר זי"ע ווי ער שרייעט און בעט זיך זיינע הייליגע רייד מען זאל נישט חרוב מאכן די וועלט, מען זאל חלילה נישט ברענגן די וועלט צו דעם מצב. דער הייליגער מנחת אלעזר, האט אלעס אזוי קלאר פאראויסגעזעהן, אין די צייט וואס אזוי פיל אנדערע האבן איהם נישט פארשטאנען, זיי האבן נישט געזעהן וואס ער האט געזעהן, און נישט פארשטאנען אזוי טיף און ווייט ווי ער האט פארשטאנען בעומק חכמתו ורוח קדשו.

דער הייליגער רב, דער מנחת אלעזר, האט אין זיינע הייליגען ספרים גאר קלאר געשריבן און פארצייכנט דעם עתיד. ער האט שוין אין זיין צייט געזאגט, אז די אלע פארטייען וועלן ברענגען א חורבן אויף די וועלט. זיי וועלן מיט זייערע לייסטונגען אונטערן שלייער פון "ישוב ארץ ישראל" נישט בעסער מאכן פארן כלל ישראל. נאר אדרבה, זייערע פעולות וועלן נאר אויפרייצן די אומות העולם, וועלכע וועלן נאר זוכן צו פארטרייבן די אידן פון דארט. ער האט אלעס אזוי געשילדערט, געני ווי מיר זעהן ליידער פאר אונזערע אויגען. ער האט געשריגן מיטן גאנצן כח, אז קיינער קען אונז נישט העלפן בעומק גלותינו; די גאולה שלימה פאר כלל ישראל קען נאר קומען דורך א ישועה מן השמים, פון הקדוש ברוך הוא, וואס וועט אונז שיקן משיח צדקינו. ער האט אזוי קלאר מסביר געווען, געוויינט דערויף, נאכאמאל און נאכאמאל, אז יעדער זאל פארשטיין און אריינעמען אין הארץ, אז עס איז נישט מעגליך, עס איז נישט עולה על הדעת, עס זאל זיין די מציאות פון "וישבתם לבטח בארצכם" נאר דורך ביאת משיח צדקינו. און לעומת זה האט ער מיט אפענע אויגן שוין דאן געזעהן, אז די עיקר ציל פון די ציונים מיט זייערע נאכשלעפער איז אוועקצושלעפן ווי מער אידן פון שמירת התורה והמצוות, און אריינברענגען א שנאת הדת צווישן אידן רח"ל.

צו וועלכע זייט מיר דרייען זיך נאר, זעהן מיר ווי תורתו חי וקיים, וכל דבריו לא שב ריקם. און די חיזוק איז אויך דאס אליינס, וואס מען ווערט איבערצייגט אז דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע האט אונז נישט איבערגעלאזט, נאר ער איז נאך דא מיט אונז. זיין אור איז דאך איבעראל, און איבערהויפט פאר די וואס זענען זיך ווייטער מסתופף בצל קדשו און זענען דבוק באילנא דחיי, זיי נייגען זייערע אויערן און עפענען זייערע הערצער צו מקבל זיין די תורה וואס ער האט אונז געלערנט, און וואס עס לערנט אונז ווייטער - יבלחט"א - כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.

*

עס איז נישט קיין סוד, אז אין די וועלט איז דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע אפשר מער באקאנט געווארן מיט זיין אויסנאמליכע כח התורה, און אזוי אויך מיט זיין מדת היראה, זייענדיג דער רבן של ישראל, דער גרויסער לוחם מלחמות ד', וועלכער האט געוויטאג און געבלוטיגט אויף צרתן של ישראל. און

# "כבוד קדושת זקיני בעל ההילולא ראה הכל, כנביא וכחוזה וגם כחכם עדיף מנביא"

ידוע שהגה"ק הרבי מלובלין זי"ע היה נקרא בפי העולם בתואר "החוזה", ומקובל בידינו מכ"ק אא"ז זי"ע מה שסיפר עובדא ומדריגה נוראה מהרבי מלובלין, ואמר עליה "שלזה ראוי לקרותו - חוזה", ואכמ"ל (עיין אוסף מאמרי עולת שבת דברים, מלוה מלכה ה'תשנ"ו). בתואר זה קרא פעם כ"ק אא"ז זי"ע לרבו הגה"ק משינאווא זי"ע (עיין הקדמה לספר דרכי חיים ושלום). ובאמת תואר זה ראוי ונאה גם לכ"ק זקיני בעל ההילולא, זי"ע. כי לא רק פרט ומופת אחד ראה מה שיהיה בעתיד, אלא **היה חוזה ממש את כל המצב הדורות שלאחריו. וממש כנביא וכחוזה - וגם כ"חכם עדיף מנביא"** (עיין בבא בתרא יב, א) **- אמר ודרש וחרט בגליוני ספריו הקדושים לאות עולם, את כל מה שיקרה לנו באחרית הימים, מה שיגרמו כתות הציונים לכלל ישראל בסכנת הנפש ובסכנת הגוף ר"ל, וכמה אלפים ורבבות מאחנו בית ישראל יעבירו תחת גזירת השמד ד' ישמרנו,** אשר בזמנינו כשרואים הכל בחוש, עומדים נדהמים איך שנתקיימו דבריו הק' שנכתבו כבר למעלה מתשעים שנה, ואיך היה חוזה הכל בעיניו הקדושות. והשי"ת ירחם על שארית עמו, ויצילנו מידם.

מדברי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א ביומא דהילולא - ב' סיון ה'תשנ"ז



אין דעם מהות, זעהן זיי איהם אויך היינט, און בזכותו איז פארבליבן אויף די וועלט אידן וועלכע גלייבן מיט א ריינע אמונה אין ביאת המשיח.

אבער אונז, תלמידים וחסידים, זיינע קינדער, קענען מיר דעם הייליגען מנחת אלעזר, אויך אלס דער אב הרחמן און אוהב ישראל. מיר זעהן איהם אויך אלס דער עמוד החסד וואס האט פארטיילט פאר צדקה ביז די לעצטע פרוטה. ער האט ליב געהאט און געזארגט פאר יעדן איינציגן תלמיד און חסיד, יונג און אלט, רייך און ארום. ער האט מתפלל געווען פאר יעדן איינעם בפרטות. געלערנט מיט יעדן יחיד, געני ווי מיטן גאנצן רבים און דעם כלל. און מיר גלייבן און שפירן עד היום הזה, אשר לא עזב חסדו מאתנו. דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע שטייט ווייטער לימינם פון זיינע תלמידים הקרויים בנים. פאר די אלע וואס גייען אין זיינע דרכים.

עס שפירט זיך ביי אלע זיינע בני היכלא קדישא, ווי ער געפונט זיך שטענדיג בתוכינו, צווישן די ווענט פון דעם הייליגען בית המדרש וואס איז נקראת על שמו הגדול והקדוש, ווי מען לערנט זיין תורה און מען פירט זיך זיינע מנהגים, מחנך די יונגע דורות ווייטער על ברכיו, ווי מען איז דורש בשלומו בכל עת ובכל שעה, און מען פארשפרייט זיין הייליגע אור אויף איבער די גאנצע וועלט.

מיר זענען סמוך ובטוח, אז דער הייליגער רב, דער מנחת אלעזר זי"ע, וועט זיין מיט אונז ביומא דהילולא דיליה, זיך אומקוקן און משפיע זיין פאר אלע וואס זענען זיך מסתופף בצלא דמהימנותא פון רבינו שליט"א, צו מחזק זיין און מחזיק זיין יעדן איינעם, און ער זעלבסט וועט מחוזק ווערן אז זיין אור זאל שיינען אויף די וועלט, און משפיע צו זיין משמי מרומא עילאה חיים ארוכים ושפע קודש, און אויס'פועל'ן פאר אונז שימלא ד' כל משאלות לבנו לטובה ולברכה.

## "כאשר אנכי לא עזבתים כן הם לא עזבו אותי"

...כאשר אתה תאחוז בדרכי אבותיך הקדושים ולא תתרפה מהם, אזי הם לא יעזבוך, רק יגוננו עליך ויסייעוך לעלות מעלה מעלה במעלות דרכיהם הקדושים. וכעת - אם יש דבר מה שאוכל למסור לך, הנה את זאת אעידה בעדך, במילין יקירין - את המותר לי לומר:

**נער הייתי גם זקנתי, ומשהגעתי ליום 'שלושה עשר אני יודע', והחילותי לצעוד בדרכי אבותינו הקדושים, השתדלתי בסייעתא דשמיא לאחוז בדרכיהם הקדושים ולצעוד בנתיבותיהם הטהורים, וכאשר אנוכי לא עזבתים כן הם לא עזבו אותי.**

אלין מליא אשר הורשתי לדבר ברבים, ולא יותר. ואליך אגיד כהנה וכהנה - אף אתה עשה זאת, אחוז נא בדרכיהם הקדושים ואזי הם יאחזו בך.

מדברי כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א בסעודת בר מצוה
של נכדו הב' יעקב יואל ני"ו, כ"ח ניסן ה'תשפ"ג

בס"ד

כוס
ישועות
אשא

בײ די סעודות שבת
קודש װעלן אנ"ש
האבן די זעלטענע
זכי' זיך צו װאונטשן

'לחיים
ולברכה'

אויף די

# הילולא
# בעכער

פון רבינו בעל
מנחת אלעזר זי"ע
מירושת אביו
רבינו בעל דרכי
תשובה זי"ע



כי תקדמנו ברכות טוב תשית לראשו עטרת פז

## יומא דהילולא

שבת המיוחס
בצלא דמהימנותא

ב' סיון
תשפ"ד

פ"ז שנה להסתלקות רבינו הק' זי"ע

**להתבשם**
מנועם זיו השבת בצלא קדישא

**להתחזק**
בדרכיו הק' ולשנן את משנתו

**להתאסף**
כולנו יחד כאיש אחד בלב אחד

## נִמּוּקֵי אוֹרַח חַיִּים

### על שלחן ערוך אורח חיים

# לאורו נסע ונלך

## די הייליגע ספרים
## פונעם בעל ההילולא



**אצינד** האבן מיר אין די האנט א ספר, וואס איז באזונדער אינטערעסאנט. ווייל אין די אויגען פון זיין הייליגער מחבר, איז דאס נישט מער ווי א קליין הלכה ספר׳ל, א חיבור וואס ברויך ניטאמאל א געהעריגע און אויספירליכע הקדמה. אבער אין די וועלט איז דאס גאר שנעל אויפגעכאפט געווארן אלס א גרויסע וויכטיגע ספר, וואס זיינע פסקי הלכה באלייכטן די וועגען פון אידישע קינדער.

## פון ׳הגהות׳ צו א ׳ספר׳

רבינו הקדוש בעל מנחת אלעזר זי"ע איז - ווי אלעמען באקאנט - געווען "כמעיין המתגבר". ער איז געווען ווי א פליסיגער קוואל, וואס שטארקט זיך אייביג מיט ארויסגעבן פרישע קוועלעדיגע וואסערן. ביי אלע זיינע שיעורי תורה, נגלה און נסתר, האט ער אייביג מחדש געווען חידושי תורה. ער האט דאס שטענדיג פארצייכנט און פארשריבן, כדי דאס זאל חלילה נישט פארגעסן ווערן.

אלע יארן, נאך פון אלס יונגעל, האט רבינו זי"ע אייביג פארצייכנט שיינע ווערטער, פלפולים און תורות, וואס ער האט געהערט פון זיינע אבות, אדער אנדערע תלמידי חכמים און צדיקים, און אוודאי זיינע אייגענע חידושי תורה וואס ער האט שוין אליינס מחדש געווען פון זיינע קינדער יארן. שוין זייענדיג א יונג קינד, נאך איידער די בר מצוה, האט דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע געהאט באשטימט א ׳פנקס׳ - א העפטל - וואס ער האט געווידמעט צו פאראייביגען זיינע תורה׳דיגע געדאנקן.

אויך שפעטער במשך די יארן, ווען רבינו זי"ע האט געלערנט אין שלחן ערוך אורח חיים, פלעגט רבינו זי"ע פארצייכנען זיין חידוש אדער הערה וואס עס איז איהם איינגעפאלן, אינעם אינעווייניגסטע זייט נאכן דעקל פונעם ספר, ממש גאר אין קורצן, אפט מאל בלויז אין געציילטע ווערטער, און נישט מער ווי א שורה-צוויי (אזוי איז אויך געווען זיין שטייגער ביים לערנען תלמוד ירושלמי, ווי מיר וועלן שרייבן בעה"י, אינעם מאמר אויפן ספר "הגהות הירושלמי").

ערשט שפעטער, ענדע תר"פ יארן, איז רבינו זי"ע איבערגעגאנגען אט די אלע הגהות, און האט מחליט געווען דאס צו פארוואנדלן אין א חיבור. ער האט דאן מקדיש געווען א באזונדערע העפט, ווי דארט האט ער איבערגעשריבן אויספירליך די אלע הגהות, אויף אן אופן וואס דאס זאל זיין געאייגענט צו דריקן אלס א ספר. אזוי אויך האט ער דאן צוגעלייגט פרישע חידושים, וואס זאל ווערן א טייל פון אט דעם ספר. ער האט דאס א נאמען געגעבן "**נימוקי אורח חיים**".

אויסער אט די אלע הגהות וואס זענען געשריבן געווארן אויף די גליונות פונעם שלחן ערוך, האט רבינו זי"ע אויך צוגעברענגט אין דעם פארשידענע נימוקים און ענינים וואס ער האט מחדש געווען אין אנדערע צייטן, און אויך אפילו חידושים וואס ער האט שוין פארשריבן אין זיינע יונגע יארן, און ווי ער שרייבט אינעם ספר אויף א פלאץ (סימן ח סעיף קטן ד): "**כד הוינא טליא, רשמתי על גליון הבית יוסף בטור בזה, שיש לומר הטעם...**".

## "אינה מחברת שלימה"

אין זיינע הייליגע און געמאסטענע ווערטער, וואס ער שרייבט ביים אנהויב פון אט דעם ספר, טוט רבינו זי"ע באטאנען אז אט דער חיבור איז נישט קיין "**מחברת שלימה**" - א גאנץ פערטיגער חיבור. נאר, "**כשמו כן הוא**" – אזוי ווי די נאמען אזוי איז די ספר. עס אנטהאלט הגהות און נימוקים – דא און דארט זענען פארהאן אויפן שלחן ערוך אורח חיים נאטיצן און באמערקונגען, ערקלערונגען און טעמים, אבער נישט קיין טיפע פלפולים.

"**מרוב טרדותי, וחולשת גופי ומיחושי, וצרות נפשי, ומצרות חורבן הדור ברוחניות וגשמיות בעוונותינו הרבים**" - צוליב זיינע פילע שטערונגען און ווייטאגען וואס טוען איהם ארומנעמען, זאגט רבינו זי"ע, איז ער בלויז אנגעקומען צו שרייבן טאקע ווייניג הגהות און נימוקים אין דעם ספר - "**רק זעיר שם וזעיר שם במקומות אחדים**".

אויף די עצם הגהות און חידושים, שרייבט רבינו זי"ע פון איין זייט מיט עניוות "**גם לא אוכל להחליט להיותם שבעתיים מזוקקים, וכראוי מוצקים**", אבער מיניה וביה פירט ער אויס "**אמנם לא (ח"ו) דברים ריקים, והמה בעזרת השם יתברך מדבש מתוקים, בהלכות וחוקים. וכל מבקש דבר אמת ימצא בהם נופש, ועונג נפש, באומר הבא מן החדש, ותן לחכם ויחכם ויעלה ויגדש**".

אט דעם ספר, וואס אין די אויגען פון איר הייליגער מחבר, רבינו זי"ע, איז דאס געווען נישט מער ווי א קליינעם חיבור "**ואינו מחברת שלימה**", איז געדרוקט געווארן און ערשינען פאר די וועלט אין יאר תר"צ, "**שנת לע"ת ק"ץ לפרט קטן, בדפוס יהושע יהודה גלאנץ – טארנא, סלאוואקיי**".

## "תורה שלמדתי באף נתקיימה לי"

גלייך ווען דער ספר "נימוקי אורח חיים" איז ערשינען לאור עולם, איז דאס גאר שנעל אויפגעכאפט געווארן איבער די גאנצע וועלט. אין א בריוו וואס רבינו זי"ע האט געשריבן אין די אנהויב תר"צ יארן צו הגה"צ רבי שלמה זלמן פריעדמאן זצ"ל, אב"ד טענקא, דערמאנט ער שוין ווי דער ספר נימוקי אורח חיים איז אויפגענומען געווארן מיט אזא ליבשאפט, אז עס שוין ביי איהם ניטאמאל געבליבן דערפון קיין איין איבריג ספר!

רבינו שליט"א שרייבט אין זיין מכתב קודש צום ספר, אז ביים הייליגען מנחת אלעזר זי"ע איז מקויים געווארן דעם מאמר חז"ל (מדרש קהלת ב, טו) אויפן פסוק (קהלת ב, ט) אף חכמתי עמדה לי, אז דוד המלך האט אויף זיך געזאגט "כל תורה שלמדתי באף נתקיימה לי" - די אלע תורה וואס איך האב געלערנט מיט צארן און מוטשענישן, דאס איז ביי מיר געבליבן. ווייל אט דעם ספר, וואס אין דעם איז פארשריבן די תורה וואס רבינו זי"ע האט געלערנט מיט יסורים (ווי מיר האבן פריער ציטירט פון זיין הקדמה), איז אזוי געווארן באקאנט און פארשפרייט מיט א זעלטענע חשיבות אין די תורה וועלט. זינט ווען דער ספר איז ערשינען, איז כמעט נישט פארהאן א ספר הלכה אדער מנהג וואס זאל נישט ברענגען דעם "נימוקי אורח חיים".

## די הלכה ספר פון מנהגי חסידות

אין דעם ספר **נימוקי אורח חיים** האט די חסידי'שע תורה וועלט געטראפן דעם זעלטענעם ספר הלכה וועלכע טוט באפעסטיגען מנהגי חסידות על פי יסודות ההלכה. אין די צייט וואס ביי אנדערע קרייזן האט מען געקענט לאזן הערן און אננעמען אזא באגריף אז ביי חסידים זענען פארהאן מנהגים וואס זענען נישט אייביג אין איינקלאנג מיט די הלכה - שלחן ערוך און די נושאי כלים, איז דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע געווען דער גרויסער פוסק און עמוד ההוראה וואס האט אנגעוויזן אז אלע אונזערע מנהגים און הוראות זענען פולקאם אויסגעהאלטן על פי הלכה, און האבן א קלארע מקור אין די ערשטע פוסקים. דאס זענען אין אלגעמיין זיינע 'נימוקים' אויפן שלחן ערוך 'אורח חיים' אין דעם ספר.

אלס א דוגמא דערצו, וועלן מיר ברענגען איינע פון אזעלכע סארט שמועסן:

אין מגן אברהם (אורח חיים סימן שכד ס"ק ז) ווערט געברענגט, אז עס זענען דא וואס פירן זיך ארויסצולייגען ווייצלעך פאר די פייגלעך אין שבת שירה. דער מגן אברהם דארט, טענה'ט אבער, אז אט דער מנהג פון געבן צו עסן פאר די פייגליך אין שבת שירה, איז נישט אויסגעהאלטן.

דער מגן אברהם בויעט עס אויף די הלכה (שלחן ערוך אורח חיים סימן שכד סעיף יא) אז מען טאר נישט געבן צו עסן פאר בהמות אין שבת, וויבאלד זייער שפייז ליגט נישט אויפן מענטש, ווייל די פייגעלעך זענען געוואוינט ארומצוגיין אליין טרעפן זייער עסן אינדרויסן, ממילא הייסט דאס אן איבריגע טירחא וואס האט נישט קיין ספעציעלע געברויך אין שבת – 'טירחא יתירה שלא לצורך' - וואס איז אסור. נאר פאר אזעלכע בהמות וואס זייער שפייז ליגט אויפן מענטש צי צושטעלן, און קענען נישט אליינס טרעפן זייער עסן, מעג מען יא געבן צו עסן שבת.

ממילא טענה'ט דער מגן אברהם, אז וויבאלד אז ביי פייגלעך ליגט נישט זייער שפייז אויפן מענטש, וואלט מען נישט געטארט זיי געבן צו עסן אין שבת.

אבער אינעם ספר נימוקי אורח חיים (סימן שכד) ברענגט רבנו זי"ע אז אזוי האבן זיך געפירט צדיקי עולם, און זיי האבן אפילו געגעבן א טעם דערצו. פון הגה"ק הרבי ר' מענדל'י מרימנוב זי"ע און אנדערע צדיקים, איז מקובל א טעם, אז דאס איז פארבינדן מיטן "פרשת הַמָּן" וואס מ'לייענט דעם


נמוך
סימן רח
אורח חיים 103
(א) מזכירין בה מעין המאורע בשבת ויו"ט ור"ח.

שבת. ווייל ווען משה רבינו האט געזאגט אז שבת קודש גייט נישט פאלן קיין מן, האבן דתן און אבירם אוסגעשפרייט שבת צופרי מן כדי אויפצו-ווייזן אז משה רבינו'ס רייד זענען - חלילה - אויסגעטראכטע, און כאילו עס איז יא געפאלן מָן שבת. דעמאלסט זענען די פייגלעך געקומען און אויפגעגעסן די דאזיגע מן. און אלס באצאלונג, שטעלן מיר ארויס דעם שבת פאר די פייגעלעך צו עסן אביסל פון די מאכלי שבת.

אויב אזוי, אז צדיקי עולם האבן זיך אזוי געפירט, און נאך געגעבן א טעם אויף דעם מנהג, מוז דאס זיין אויסגעהאלטן.

ווייל עס איז ידוע אז אזעלכע הייליגע צדיקים, איבערהויפט הגה"ק רבי ר' מנחם מענדל מרימנוב זי"ע, איז אויסער זיין גרויס צדקות און קדושה געווען א "גאון" און א "גדול" אויך אין נגלות התורה, ממילא איז דען שייך צו זאגען אז ער האט ערקלערט און געגעבן א טעם אויף א מנהג וואס איז אקעגען די שלחן ערוך? דעריבער, שרייבט רבינו זי"ע, "צריכין אנו למשכוני נפשן ליישב הדברים, על כן אשנה עוד בזה קצת פרק והלכה זו בעזרת השם יתברך".

מיט די פארווארט גייט רבינו זי"ע שרייבן זיין בירור, אז דער

## אן ׳הסכמה׳ אויפן ספר

אין יענע צייט, וואס רבינו זי"ע האט זיך געגרייט צו דרוקן דעם ספר נימוקי אורח חיים, האט ער אויך געהאט גרייט נאך אנדערע פון זיינע הייליגע חיבורים: שו"ת מנחת אלעזר חלק רביעי, דברי תורה מהדורא ב, מהדורא ג און מהדורא ד.

כאטש וואס רבינו זי"ע האט בלויז גענומען הסכמה בריוון פון גדולי הדור אין דעם ערשטן חיבור וואס ער האט געדרוקט, די ערשטע חלק פון שו"ת מנחת אלעזר, און זינט דאן האט ער שוין געדרוקט מערערע ספרים אן קיין פרישע הסכמות, האט ער אבער אצינד ביים דרוקן אט די דערמאנטע דריי ספרים משתוקק געווען צו באקומען אן הסכמה פונעם סבא קדישא, רבי שלמה אליעזר אליפנדרי זי"ע, זקן חכמי הספרדים אין ירושלים עיר הקודש (זעה אגרות שפירין מכתב רפב).

בערך א מעת-לעת פאר דעם וואונדערליכן הסתלקות פונעם סבא קדישא זי"ע, ווען רבינו זי"ע האט געוויילט בקרבתו אין ירושלים עיר הקודש, האט ער ערהאלטן דעם הסכמה-בריוו פונעם סבא קדישא זי"ע. ער האט דאס שפעטער געדרוקט ביים אנהויב פערטן חלק פון שו"ת מנחת אלעזר, ווי עס לייענט זיך צווישן אנדערע לשון קדשו פונעם סבא קדישא:

**מכאן מודעה דשדר לן ידיד נפשי הגאון הצדיק אור ישראל וקדושו רבי חיים אלעזר שליט"א רב אבדק"ק מונקאטש ג׳ ספרים מנחת אלעזר חלק ד, וספר דברי תורה מהדורא תניינא, וספר נימוקי אורח חיים, ונתמלאה הבית אורה, אורו עיני והיו למאורות, וביקש ממני לתת הסכמתי...**

**והגם שגדרתי בעצמי שלא לבא בהסכמה על ספרי דורינו מפני כמה טעמים, אין למדין מן הכללות, דהא ודאי על גברא רבה דכוותיה המפורסם בספריו הקדושים, מכמה שונים, ונודע בשערים, לא אוכל למנוע, כי הוא רק לעשות רצון צדיק, כי במקום שמצינו גדולתו שם מצינו ענוותנותו...**

מנהג ישראל איז יא אויסגעהאלטן על-פי תורה, און מען מעג – און מען זאל - להלכה ולמעשה אויסשפרייטן עסן פאר די פייגלעך בעצם יום השבת. דא איז נישט די פלאץ אראפצוברענגען די גאנצע הלכה שמועס פונעם ספר, אבער מיר וועלן ברענגען אין קורצן צוויי פון זיינע פונקטן:

א] רבינו זי"ע איז מחדש על פי דברי חז"ל, אז כאטש עס איז דא אן איסור צו געבן עסן שבת פאר בעלי חיים, וויבאלד עס איז א 'טירחא שלא לצורך', אויב אבער א מענטש גיבט דאס עסן מיט א ציל אז מיט זיין רחמנות אויף בעלי חיים זאל ערוועקט ווערן אויף איהם רחמנות פון השי"ת, הייסט דאס שוין מער נישט קיין 'טירחא יתירה שלא לצורך'. איבערהויפט וועט דאס זיין גילטיג אין שבת שירה, ווען מען גיט דאס עסן פאר די פייגלעך כדי צו מקיים דעם מנהג ישראל צוליב דעם אויבנדערמאנטן טעם, הייסט דאס שוין נישט קיין 'טירחא יתירה שלא לצורך', און מען קען דאס נישט אסר'ן על פי הלכה.

ב] דער לבוש שרייבט, אז אין די ווינטער מעג מען יא געבן צו עסן פאר די פייגלעך, אפילו ווען זייער שפייז ליגט נישט אויפן מענטש, וויבאלד אין די צייט טרעפט זיך נישט פאר זיי קיין עסן אינדרויסן. אויב אזוי, זאגט רבינו זי"ע, וויבאלד שבת שירה איז דאך אינמיטן ווינטער, איז שוין נישט דא קיין פראבלעם פון ארויסלייגען שבת עסן פאר די פייגלעך, כמנהגן של ישראל.

[אגב, דער נאר-וואס דערמאנטער פונקט, וועט אבער נישט נוגע זיין פאר אונזערע ברידער וועלכע וואוינען אין אזעלכע לענדער, וואס שבת שירה פאלט אויס אין די ווארימע טעג. למשל, אין אויסטראליא. זיי וועלן מוזן אנקומען צום ערשטן פונקט.]

נאך א דוגמא, ווי רבינו זי"ע שטעלט אוועק דעם ריכטיגען סדר אין אן הלכה און מנהג, זעה ווייטער אינעם מאמר, אינעם באזונדערן קעסטל "ושמחתי מאוד לקראת דבריו". און אזוי איז דא אויף דעם שטייגער, נאך און נאך הלכות און מנהגים.

# נימוקי יורה דעה, נימוקי אבן העזר און נימוקי חושן משפט

אין דעם קורצן פארווארט פון רבינו זי"ע צום ספר "נימוקי אורח חיים", טוט ער באטאנען, אז דאס איז בלויז די ערשטע ספר אין די סעריע פון נאך אזעלכע ספרים. געגוי ווי דער ספר איז געשטעלט אויפן שלחן ערוך אורח חיים, האט ער אין פלאן ארויסצוגעבן אזעלכע ספרים אין דאס גלייכן אויף די אנדערע דריי חלקים פון שלחן ערוך: יורה דעה, אבן העזר און חושן משפט.

רבינו זי"ע לייגט פאר זיין וואונטש און געבעט צום אויבערשטן: **והשם יתברך יזכני לסדר ולהוציא לאור בקרוב נימוקי יורה דעה, אבן העזר וחושן משפט. וגם בשארי חיבורי להוסיף אורה, בדברי תורה, עד נכון היום בביאת גואל צדק במהרה בימינו.**

רבינו זי"ע האט פונעם נימוקי אורח חיים גלייך געהאט אנגעהויבן צו מסדר זיין דעם נימוקי יורה דעה, אבער אינצווישן האט ער געהאט דעם ענין צו גיין דרוקן דעם הגהות הירושלמי וואס צוליב דעם האט ער אפגעלייגט זיין ארבעט אויף די המשך ספרי נימוקים אויפן שלחן ערוך (זעה אגרות שפירין מכתב רג).

ביי די הסתלקות פון רבינו זי"ע איז איבערגעבליבן בכתב יד קדשו דריי באזונדערע העפטליך פון די ספרים "נימוקי יורה דעה", "נימוקי אבן העזר" און "נימוקי חושן משפט", אבער אין פארגלייך צום ספר "נימוקי אורח חיים", וואס איז א שיינעם חיבור אויך אין כמות, און דעקט גאר א גרויסע טייל פון שלחן ערוך אורח חיים, זענען די אנדערע דריי 'נימוקי' ספרים געווען גאר קליין, מיט ווייניג שטיקלעך.

דאס קען מען זיך איבערצייגען מיטן גיין דורכבלעטערן דעם ספר "דרכי חיים ושלום", וואס אין די צייט וואס פונעם "נימוקי אורח חיים" ווערט צענדליגער און צענדליגער מאל ציטירט הלכה ענינים, ווערט פון די אלע דריי ספרים אינאיינעם נימוקי יורה דעה, מיטן נימוקי אבן העזר און נימוקי חושן משפט, נישט געברענגט מער ווי בערך צען שטיקלעך!

דעריבער, אין די ערשטע יארן נאכן הסתלקות פון רבינו זי"ע ווען מען האט עוסק געווען צו דריקן זיינע חיבורים וואס זענען געבליבן בכתב יד קדשו, האט מען נישט געזעהן קיין מעגליכקייט צו דריקן אט די דריי ספרים יעדעס איינע אלס א ספר פאר זיך, און אפילו אלע דריי אינאיינעם.

בימים ההם, אין די לעצטע טעג אין מונקאטש איידער די דייטשן ימ"ש זענען אריינגעקומען, האט מען זיך געגרייט צו דרוקן דארט דעם ספר "הגהות הירושלמי". איז דאן געווען א פלאן, אז מען זאל די אלע שטיקלעך פון די דריי נימוקי ספרים צולייגען אלס א 'נספח' צום ספר "הגהות הירושלמי"

אט וואס הרב החסיד רבי משה גאלדשטיין הי"ד שרייבט אין זיין בריוו צו הגאון רבי יצחק שטערנהעלל זצ"ל בעל כוכבי יצחק: **"ואולי בסופו יצורף לזה אי"ה את הגרגרים שנמצאו זעיר שם בנימוקי יורה דעה, חושן משפט, אבן העזר". ליידער זענען די ספרים פארלוירן געגאנגען, "וחבל על דאבדין ולא משתכחין".**

## זיך נישט רירן פון הלכה

ווידעראום, אויב האט ער געזעהן אדער געהערט א מנהג וואס איז געווען אקעגען די הלכה, שטעלט זיך רבינו זי"ע און ווייזט אן מיט א תורה'דיגע שמועס, אז מען טאר חלילה זיך נישט אזוי פירן, ווייל דאס איז נישט אויסגעהאלטן על פי ההלכה. אפילו ווען מען זאל אנווייזן אז עס זענען געווען הייליגע צדיקים וואס האבן זיך אזוי געפירט, טארן אונז דאס נישט גיין נאכטוהן.

רבינו זי"ע ברענגט דערביי די הייליגע ווערטער פון הגה"ק רבי צבי הירש מזידיטשוב זי"ע אין זיין ספר "סור מרע ועשה טוב" וואס שרייבט "אויב דו וועסט זעהן א צדיק, אפילו דיין רבי, טוט עפעס וואס אקעגען דעם שלחן ערוך און די תורה, זאלסטו נישט נאכטראכטן איבער איהם, אבער זאלסט איהם נישט נאכטוהן אין די זאך, ביז דו וועסט וויסן און פארשטיין א קלארע טעם על פי תורה".

א משל דערצו, איז וואס רבינו שרייבט אינעם ספר (סימן

תעה), איבער דעם מנהג פון זיך צוריקהאלטן עסן מצה אין לויף פון גאנץ יום טוב פסח, אויסער ביי די סדר-נעכט. כאטש עס זענען געווען גרויסע צדיקים וואס האבן זיך אזוי געפירט, טאר מען דאס נישט נאכטוהן, וויבאלד מיר פארשטייען דאס נישט לויט די הלכה, אבער אויף זיי אליינס טאר מען נישט פרעגען קיין קשיות חלילה.

**אזוי ארום, איז פון דעם חיבור וואס איז אפשר קליין אין כמות, אויסגעוואקסן צו זיין דער גרויסער חיבור אין איכות, וואס איז בארימט געווארן איבער די גאנצע וועלט אלס די הלכה ספר וואס טוט מברר זיין אונזערע פסקי הלכה און מנהגי קודש וואס מיר פירן זיך. אז אלעס איז געבויעט אויף יסודות ההלכה, און אז די הייליגע צדיקים תלמידי הבעל שם טוב זי"ע האבן ביי קיין שום פאל נישט אפגענויגט פון די הלכה.**

## ושמחתי מאוד לקראת דבריו"

עס איז פארבליבן א בריוו געשריבן דורך דעם גרויסן בארימטן גאון וצדיק רבי מאיר שפירא זצ"ל, לובלינער רב, מייסד ישיבת חכמי לובלין, געוואנדן צום הייליגען מנחת אלעזר זי"ע, וואס איז גראדע פארבינדן צום ספר "נימוקי אורח חיים".

דער בריוו האט דער לובלינער רב געשריבן בכתב ידו אלס דאנק אויף ערהאלטן די הייליגע ספרים פונעם מנחת אלעזר זי"ע, און ער שרייבט דערביי עטליכע הערות, כדרכה של תורה. דער לובלינער רב זצ"ל הייבט אן זיינע ווערטער אינעם בריוו, אז די ספרים האבן באלאכטן זיינע אויגען און די אויגען פון זיין הייליגע ישיבה - די בארימטע מקום תורה וועלכעס איז באקאנט מיט אירע פילצאליגע געהויבענע און חשוב'ע תלמידים, און שפעטערדיגע גדולי ישראל, וואס זענען פון דארטן ארויסגעוואקסן.

די בריוו ווערט געעפענט, מיט א געוואלדיגע מאס רעספעקט און ביטול, שרייבנדיג: **אל רבה דעמיה ומדברנא דאומתיה, הרב הגאון המובהק, צדיק מפורסם וקדוש יאמר לו, גודר גדר ועומד בפרץ, כקש"ת הר' חיים אלעזר שליט"א, האבד"ק מונקאטש יצ"ו.**

דאן לייענט זיך די בריוו: **אחר דרישת שלום כבוד קדושתו בהדרת הכבוד, כמשפט לגברא רבה דכותיה. חיבוריו הנפלאים הגיעו אלינו (בשביל איזה סיבה לא הוחזרו מהכורך עד היום), ותאורנה עיני ועיני תלמידי ישיבתנו הקדושה. כרכא דכולא בה, הלכה פלפול קבלה ואגדה, חריפות בקיאות ועומק העיון גם יחד. תשואת חן חן לכבוד קדושתו יחי' על התשורה היקרה הזאת אשר העשיר את אוצר ספרינו. יאריך השם יתברך ימיו בטוב ובנעימים, ועוד רבות בשנים ישב באהלה של תורה הקדושה להשיב דבר ה' ולעשות פעלים לתורה, יפוצו כל מעיינותיו חוצה ויתענגו לקראתם כל מבקשי דבר ה'.**

ביים ענדע בריוו טוט ער ווידער אויסדריקן זיין דאנק געפיל, שרייבנדיג **"ועוד הפעם ברכתי תודה ופריסת שלום בעד כל בני ישיבתו הקדושה", און בשולי הגליון,**


RABIN m. LUBLINA
Majer SZAPIRA
מאיר שפירא



**איז ער מוסיף נאך איין שורה: כל בני ישבתנו הקדושה אומרים שלום למר ולתורתו.**

צווישן זיינע קאמענטארן אויף די הייליגע ספרים וואס ער האט ערהאלטן, טוט דער לובלינער רב ארויסווייזן די געוואלדיגע שמחה וואס ער האט געהאט ביים לערנען אינעווייניג אינעם ספר "נימוקי אורח חיים".

וועלכער ענין אינעם ספר "נימוקי אורח חיים" האט ערוועקט אינעם לובלינער רב אזא גרויסע שמחת התורה?

אסאך יארן פריער, ביים ערשטן טאג פון זיין אייגענע שבעת ימי המשתה, איידער דער לובלינער רב האט זיך געשטעלט דאווענען און געגאנגען מאכן זיין ערשטן עטיפה מיטן נייעם טלית, האט זיין טאטע הרב הגאון רבי יעקב שמשון זצ"ל (אייניקל בן-אחר-בן פון הרה"ק רבי פנחס מקאריץ און רבי יעקב שמשון משפטיווקא זי"ע) איהם צוגערופן און איהם געלערנט ווי אזוי צו מאכן די עטיפת הטלית

זיין טאטע האט איהם אנגעזאגט, ער זאל נישט מאכן די עטיפה ווי עס איז די שטייגער פון אלעמען צו פארדעקן די אויגען און די גאנצע פנים בשעת מען וויקלט זיך ארום מיטן טלית, נאך די ברכה. ווייל דאס איז א טעות. נאר ער זאל מאכן די עטיפה אויף אן אופן וואס זאל נישט פארדעקן די אויגען, אזוי ווי די הלכה פארלאנגט אז עס זאל זיין ווי 'עטיפת ישמעאלים'. ווייל אויב טוען די ישמעאלים ארומוויקלן אויך די אויגען, ווי קענען זיי זעהן ווי

אזוי צו גיין...?

דער לובלינער רב ז"ל האט געוויס געטוהן וואס זיין טאטע האט איהם געלערנט און באפוילן, אבער ער האט שטענדיג ארומגעטראגען א געוויסע אומבאקוועמליכקייט דערמיט. דער טאטע האט איהם טאקע אזוי אנגעזאגט, אבער אלע אידן טוען דאך אנדערש. און ער האט נישט געטראפן קיין איין פוסק אדער הלכה ספר וואס זאל רעדן דערפון, און דאס אנמערקן.

ערהאלטנדיג אלס געשאנק פון הייליגן מנחת אלעזר זי"ע זיין ספר נימוקי אורח חיים, האט דער לובלינער רב זיך שטארק דערפרייט ביים זעהן דערין ווי דער הייליגער מנחת אלעזר איז מבאר די סדר עטיפת הטלית, אויף דעם זעלבן אופן ווי זיין טאטע האט איהם אנגעזאגט מיט אזויפיל יאר פריער, און טאקע מיט די זעלבע טעם וואס זיין טאטע האט אנגעגעבן.

אט איז ווי אזוי דער גאון רבי מאיר שפירא זצ"ל שרייבט אין דעם אויבנדערמאנטן בריוו צום מנחת אלעזר זי"ע:

**בנמוקיו לאורח חיים ראיתי, שהאריך בדין עטיפת הישמעאלים, לבאר דהעיקר העטיפה שמתחת הגרון עד פיו, ולא כמנהג העולם. ושמחתי מאוד לקראת דבריו, כי הרבה נצטערתי על זה, שבעטיפתי הראשונה אמר לי אאמו"ר יחי' כי מנהג העולם בטעות, ולא מצאתי מי שדיבר בזה, עד שבאו דבריו והאירו באור בהיר!**




# אן אינטערוויו מיט אױבער–ראבינער

# אריינפיר




בס"ד ברענגען מיר דא פאר אונזערע חשוב'ע ליינער, א אידישע איבערזעצונג פון אן העכסט אינטערעסאנטע צייטונג אויסשניט. אן ארטיקל וואס איז ערשינען אין די נישט-אידישע פרעסע, אויף די אונגארישע שפראך, י"ז מנחם-אב שנת תרצ"ד. דער צייטונג שרייבער, פאל דזאב, אן אומרעליגיעזער איד, האט עררייכט די זעלטענע געלעגענהייט צו ווערן אויפגענומען דורך רבינו בעל מנחת אלעזר זי"ע, ביי זיי ווייל'ן אויף קוהר, אינעם באד-שטאט פישטיאן.

דער שרייבער איז אנגעקומען אין שטוב פון רבינו זי"ע, זונטאג פרשת ואתחנן, תשעה באב (נדחה), תרצ"ד, ווי ער האט מיטגעהאלטן דאס קלאגן און טרויערן אויפן חורבן בית המקדש. א טאג דערויף האט ער באוויזן צו באקומען זיין אדיענץ ביי רבינו זי"ע, ווען ער האט פארגעלייגט עטליכע פראגעס איבער אידן און אידישקייט. רבינו זי"ע האט איהם אויף אלעס געענטפערט, און דער שרייבער האט דאס פארצייכנט לפי הבנתו אין פארם פון אן "אינטערוויו".

צום זיבן און אכציגסטע יומא דהילולא קדישא, האבן מיר גענומען די מיה דאס איבערצוזעצן פון אונגאריש צו אידיש, און דאס פארשטעלן פאר אנ"ש בכל מקום שהם. וברם יזכר לטוב, ידידינו האברך החשוב מיקירי אנ"ש, הר"ר יוסף אליקים ב"ר צבי ארטנער הי"ו (מסדר ומו"ל ספר 'רעיא מהימנא' תולדות בעל אהל משה ממאקאווא זצ"ל), פארן שטיין צו הילף אין דעם פראיעקט.

פאל דזאב׳ס זונטאג באריכט:

# איבער די געהיימניסן פון א גליקליכן לעבן

דערקלערט דער אומגעקרוינטער פרינץ פון מיליאנען מענטשן וועלכע וואוינען אין די שמאלע געסליך. לאזאר שפירא, הויפט ראבינער פון מונקאטש

א צוויי-שעה'דיגער ווארימער שמועס מיט לאזאר שפירא, וועלכער אנטפלעקט זיך נישט פאר א וואונדער-ראבינער | באזוך צום הויף פונעם "מונקאטשער פרינץ" | פנים צו פנים מיט דער באקאנטער גרעסטער גייסטליכער פון די חסידים, צו וועמען באזוכער פון די גאנצע וועלט מאכן זייער רייזע | די געהיימע קעניגרייך פון די וואס ווארטן אויף משיח | "עס איז נישט דא קיין נייעס אונטער דער זון": דער תלמוד האט שוין פאראויסגעזאגט דעם ראדיא.

פישטיאן, ענדע יולי 1934

# דער וועג פון די אידן...

ווען איך האב באקומען די נייעס מיט עטליכע וואכן צוריק, אז דער פרינץ פון באהפאל, רייך אין אוצרות, וועמענס פולער נאמען איז זיין געשעצטן "האַדזשי נאַוואַב האַמידוללאַ קאהאן סיקאַנדער סאַולאַ איפטיקאַר-אולמולק באַהאדור", איז אנגעקומען אין די בארימטע רומאטיזעם באדע מיט זיין סוויטע, בין איך נישט געפארן צו אים. אפילו, דער נאך-מער מיסטעריעזער מאַהאַראַדזשאַה, פון די געהיימניספולע אינדיע, האט דירעקט נישט קיין אינטערעס ביי מיר. ער קען אונז נישט פירן, נישט דעם פובליקום און נישט מיר - דער רעפארטער, אריין אין דער עקזאטישער וועלט פונעם ווייטן מזרח. זיין איילבירט-ברוינעם געזיכט איז טינקל, ווי דער ווואלקן באדעקטן שפיץ פון די הימאלייעס. דאס מיסטעריעזע ליכט פון זיינע אויגן בלייבט פארן פרעמדן אן אייביגן געהיים.

אבער, ווען איך האב געלייענט די נייעס אין די צייטונגען מיט צוויי טעג צוריק, אז **לאזאר שפירא דער אויבער-ראבינער פון מונקאטש**, איז אנגעקומען קיין פישטיאן מיט זיין סוויטע, האב איך שוין געקלאפט אויף זיין טיר מיט פיר שעה שפעטער. איך האב געמוזט ווארטן פיר און צוואנציג שעה ארייננצוגיין צו איהם. ער האט מיר צוויי מאל אפגעזאגט, אבער דאס דריטע מאל איז מיר געלונגען. מיר זענען געזעסן איינער קעגן דער צווייטער ביים שמאלן טיש, און גערעדט אפשר א שעה אנדערט האלבן. עס איז ווערד געווען מיין ווארטן.

אן קיין צווייפל, איינער פון די מערסט טשיקאווע פערזענליכקייטן פון די צוואנציגסטער יאר הונדערט, איז... **דער מונקאטשער פרינץ**, ווי לאזאר שפירא ווערט געווענליך גערופן. דער דאזיגער מענטש איז דער אומבאגרעניצטער האר פון מיליאנען מענטשן וואס וואוינען אין די שמאלע געסליך, דער קעניג פון דער געהיימניספולער חסידי'שער וועלט, צו וועמען רעליגיעזע פון אלע פינף וועלט-טיילן מאכן זייער רייזע. לאזאר שפירא: דער אידישער פויפסט. געווענליך רופט מען אים א וואונדער-ראבינער, אבער ער אליין איז שטארק קעגן דעם נאמען. ער האט צום לעצט געגעבן אן אינטערוויו מיט אכט יאר צוריק, און האט זייט דעמאלטס נישט אויפגענומען קיין זשורנאליסט. ווען ער האט מיט נאציאנאלע פייערליכקייטן זיין טאכטער פארהייראט, לעצטע יאר, האבן זעקס און דרייסיג זשורנאליסטן רעפרעזענטירט די פרעסע, אין זיין שיינעם היים-ארט מונקאטש. צווישן זיי איז געווען דער דירעקטאר פון די 'טיימס'. לאזאר שפירא האט אפילו נישט גערעדט מיט אים...

ער איז געקומען קיין פישטיאן צו היילן זיין רומאטיזאם. ער האט געדינגען א ווילא נאנט צו דער באן, פאר זיך און זיין "הויף". מער פונקטליך גערעדט, באַשטייט דאס דאזיגער "הויף" פון זיבן מענטשן: דער אויבער-ראבינער און זיין פרוי, די צוויי סעקרעטארן, זיי - חיים בער גרינפעלד און שלמה גראס - קימערן זיך הויפזעכליך מיט דער פלאנירונג פון דער צייט פאר אדיענצן. אויך א רעליגיעזער פון אוהעל, הער שווארץ, געהערט צום "הויף", און דערנאך דער שוחט, און צום סוף דער קעכער. דער אויבער-ראבינער האט מיטגעברענגט זיין גאַנצע קיך-געצייג פון מונקאטש, ווייל אויך דא ווערט די קיך געפירט אין דעם שטרענגסטן קאנסערוואטיוון גייסט.

דאס קליינע צעטל, וואס איז אנגעשריבן מיט טינט אויף דער טיר, כאפט מיר אויף, עס שטייט אויף דייטש און העברעיש: **אויפנאמע איז פון 5 ביז 7 נאכמיטאג.** אבער, אן אומבאגרעניצטער ארמיי פון רעליגיעזע טוען זיך איינזאמלן ביי די אריינגאנג פון די פישטיאן ווילא, שוין אין די פריע שעה'ן פון טאג. אויסנאמליכע מענטשן, מיט פארכטיגע פנימ'ער און פארטרוימטע אויגן, מיט לאנגע קאפטענעס, און לאקן הענגען אראפ ביי די אויערן. די מערסטע פון זיי קומען דא אהער, אן עצה צו פרעגן...

עס איז געווען זונטאג, דער טרויער-טאג אויף דעם חורבן פון ירושלים, ווען איך האב דאס ערשטע מאל געפרואווט צו רעדן צו איהם. איך בין אנגעקומען אין דער ווילא אין וועלכן ער וואוינט, אינמיטן זיינע געבעטן. די ברייטע און לעכטיגע צימער, מיטן בליק צו דער קליינעם גארטן, איז אנגעפילט מיט דאווענערס. די מענטשן זענען געזעסן אויף דער ערד אן שיך, בלויז מיט זאקן. זיי האבן געזאגט זייערע טויזענטער תפילות, מיט טרערן אין די אויגן, און טרויעריגע טענער. אויף א שפיגל שאנק זענען געלעגן זעקליך, גענייט פון רויטע און גרינע סאמעט. דער אויבער-ראבינער איז געזעסן אויף אַ נידריגע בענקל, מיט ווייסע זאקן. פאר אים איז געשטאנען אן עהרע שטוהל, מיט זיין געבעט-בוך דערויף. אז איך האב אַ קוק געטוהן אויף איהם, האב איך געשפירט, אז דער דאזיגער מענטש איז יעצט אין א וועלט וואס איז פרעמד פאר אונז. אין זיין וועלט...

ווען חיים בער גרינפעלד, דער סעקרעטאר, האט אים געזאגט, אז איך בעט אן אינטערוויו, האט ער מיר געזאגט, אז אין פרינציפ, נעמט ער נישט אויף קיין זשורנאליסטן, איבערהויפט נישט אויף דעם טאג...

אויף די עצה פונעם סעקרעטאר, בין איך נאכמיטאג ווידער צוריק געגאנגען צו דער ווילא. אבער ווידער האב איך נישט געהאט קיין גליק. אין דעם אנדערן אינדערפרי בין איך געגאנגען צום דריטן מאל. זיין אנוועזנדער דאקטער, דר. איזידאר ראזנער, איינער פון די אויסגעצייכנטע דאקטוירים פון פישטיאן, האט זיך אריינגעמישט אין מיין נאמען. די אינטערוועניץ האט געדויערט ארום א האלבע שעה, אבער

צום סוף האט ער מצליח געווען. און אינדערפרי, אביסל נאך ניין אזייגער, האט זיך די טיר פון זיין שלאף צימער געעפענט פאר מיר ...

# זיין געזעגנט איז ווי די נביא'ים פון אמאל

ווייניגסטענס דאס, איז געווען מיין געפיל אין דער ערשטער מאמענט. ער איז א שיינער מאן, זיין האר און די בארד זענען גאנץ גרוי, כאטש ער איז נאך נישט אלט: ער איז אלט צוויי און זעכציג. דאס פייער פון גוטהארציגקייט ברענט אין זיינע מילד-אויסזעהנדע אויגן, אבער אמאל צושפרייטן די דאזיגע אויגן א בליץ. ווען ער רעדט, קען מען איהם נישט איבערהאקן. ער שטייגט איבער אלעמען מיט זיין שטימע.

ער איז מערקווירדיג קלוג, אבער ער פארפיגט אויך גרונטליך אין וועלטליכע קענטעניסן. ער לייגט זיך צוזאם די הענט, ווען ער רעדט. און, בשעת איך האב אים אינטערוויוירט, האב איך באמערקט אז די גלויביגע שטייען ארום אונז - איך און ער זענען די איינציגע וואס זענען געזעסן - און זיי האבן מיט אן איינגעהאלטענע אטעם זיך צוגעהערט צו יעדעס ווארט פון אים.

"ביטע פרעגט נישט וועגן פאליטיק", האט ער געזאגט נאכן מיר באגריסן. מיר קענען זיך נישט באפאסן מיט פאליטיק, ווייל מיר קומען גלייך אין קאנפליקט מיט אונזערע פארשריפטן. איך האב געזאגט דאס לעצטענס צו בענעש, וואס האט באזוכט מונקאטש. די תורה זאגט: זאלסט נישט עפענען דיין מויל פאר ליגענט, און אויף אן אנדערע ארט באפעלט אונז דער נביא ירמיהו צו זיין באשיידן און פאלגן צו די וואס האבן די מאכט. אויב מיר ווילן זיך האלטן צוביידע באפעלן, דעמאלטס טארן מיר נישט פאליטיזירן...

## בעזוך פון אונזער מיניסטער דר. בענעש אין מונקאטש

[illegible]



באריכט אין 'יידישע צייטונג' און באקאנטער בילד פון דר. בענעש אין מונקאטש - לחזות באור פני מלך, רבינו זי"ע

נאך אביסל ווארטן, לייגט ער נאך צו: "איך האב אייך געוואלט פרעגן וועגן דעם פעלקערס-פאראיין, אבער לאמיר עס איבערלאזן... ווען עס קומט צו דעם פעלקערס-פאראיין, טראכט איך שטענדיג וועגן דעם זייגער וואס יעדע זייטן זענען געמאכט פון גאלד, רייך באצירט מיט בריליאנטן, אבער דער זייגער אליין פונקציאנירט נישט. די פעלקערס-פאראיין איז אזוי צוריסן...

מיין ערשטע פראגע: צו דעם אויבער-ראבינער קומען טויזענטער און טויזענטער מענטשן. די ארומע און די רייכע, די גליקליכע און די וואס זענען צובראכן אין לעבן. פון זיי האט איר זיך באקענט וואס דאס איז דעם דורכגאנג פון א לעבן. וועמען וואלט איר געטוהן פארשטעלן, אלס דער מענטש וואס איז פולקאם צופרידן און גליקליך?

מיין פראגע האט אים איבערראשט, אבער ער איז גלייך גרייט געווען מיט דעם ענטפער: מען האט געקענט רעדן וועגן דער פראגע, וואכן, און דיקע בוך זייטן וואלטן אנגעפילט געווארן מיט דעם ענטפער וואס איך האב געקאנט געבן. אבער אויב איך וויל דאס ענטפערן אין איין זאץ, וועל איך אזוי זאגן:

**גליקליך איז בלויז דער מענטש וואס גלייבט אויפריכטיג, אז ער איז גוט, און גאנץ אין גייסט.**

צום באדויערן, די סארט מענטשן האבן טאקע די מערסטע פראבלעמען מיט די וועלט און אנדערע מענטשן, אבער זיי זענען צופרידן! זייער באציאונג צו דער וועלט איז אומגעפער, ווי פון א שווערד צו אן האלטער. אפילו די שווערד איז געמאכט פון דעם בעסטן פינקלדיגן שטאל, אויב די שווערד איז גלייך און די האלטער איז קרום, וועט ער נישט אריינגיין אין זיין האלטער. די נשמה פון א גליקליך מענטש איז גלייך, און די וועלט איז קרום...

איך וועל אייך ווייטער פרעגן: קענט איר זיך פארשטעלן א מענטש וואס האט די מעגליכקייט אריינצונעמען אין זיך די גאנצע לעהרע פונעם תלמוד?

זיין ענטפער קלינגט איינדרייטיג: ניין! און ער ערקלערט גלייך: דער תלמוד איז ענדלאז. עס איז ווי א קוואל, וואס האלט אין איין קוועלן, און גיסט פון זיך ארויס א וואסער וואס גיבט לעבן. א דארשטיגער מאן קאן זיך ארויפווארפן אויפן קוואל, ער קאן שטילן זיין דארשט, אבער דער קוואל בלייבט ווייטער... עס איז אומערשעפליך... דער תלמוד איז אן אייביגקייט, און עס איז גארנישט אויף דער וועלט וואס איז נישט אין דער תלמוד! צייט שאפענדע ערפינדונגען זענען געווען באקאנט פאר די חכמי התלמוד...

**דאס ווארט "ראדיא" קומט שוין אין א תלמוד-בוך מיטן נאמען "יומא"!** *(עיין כ, ב-כא, א)* געגוי אין דעם זינען ווי די וועלט ניצט עס היינט. און רש"י *(עיין פט כא, א: ד"ה ואומרים אף רידיא)* דערקלערט אויך זיין ווערטן: די ווערטער פון די וואלקענעס און דער ענדלאזן לופט, ווערן אונז געבערענגט דורך די קרעפטן פון דעם אויבערשטן! אבער דער תלמוד זאגט אויך, אז ווען א בליץ שיינט אויף און די הימלן דינערן, דעמאלטס הערט זיך אויף די מענטשליכער קראפט... אין אזעלכע פעלער, ארבעט נישט דער ראדיא...

**ווי פירט די וועג פון די אידן?** דאס איז מיין דריטע און לעצטע פראגע צו איהם.

ער ענטפערט דאס:

ביסמארק האט געזאגט - אבער ער איז געווען נאר א מענטש! - אז די וועלט-מלחמה קומט! ער האט געזאגט: עס קען קומען אין דרייסיג טעג, עס קען קומען אין דרייסיג יאר, אבער עס וועט קומען! אזוי אויך זאגן מיר מיט די ווערטער פון פסוק, אז משיח פון בית דוד וועט קומען צו אונז!

**איך ווארט אויף דעם קומען פון משיח יעדן צופרי.**

אלעס וואס געשעהנט היינט אין דער וועלט, געשעהנט פונקט ווי די פסוקים האבן פאראויסגעזאגט אויף די צייטן פאר משיח'ס קומען! נאר, אין דער תלמוד, ווערט היטלער נישט דערמאנט מיטן נאמען... אבער דער פלייץ פון ליידן







בעריכטן אין 'יידישע צייטונג' - חודש מנחם-אב תרצד

פאלגט נאך איינס נאכן אנדערן, פונקט ווי מיר ווייסן און דערוואַרטן...

א פלייץ פון אונזערע פיינט קומען אונז אקעגן. פונדרויסן און פון אינעווייניג! עס איז נישט מעגליך צו בויען אונזער היים אן רעליגיע, עס איז ווי א מענטש אן קיין הארץ...

די מאכט פון מענטשן האבן אן ענדע... גארנישט מער, גארנישט ווייניגער, ווי א שטיק שטויב, וואס ווערט אוועקגעבלאזן אין א רגע דורך א מילד ווינטל... עס איז נאר דא איין כוח, און דאס איז: דער אויבערשטער! וואס שיקט אונז דעם גואל!

ער גיבט אונז זיין ברכה ווען ער געזעגנט זיך. אבער אן קיין פאזע, בלויז - מיט א פשוט'ן האנט שאקל - ג-א-ט זאל דיר בענטשן, זאגט ער, און דאס איז זיין גאנצע ברכה... נאר ערשט זאגט ער:

"פילע מענטשן זאגן מיר, אז איך בין א וואונדער מאכער! דאס איז נישט אמת! עס איז נישט פארהאן קיין וואונדער מאכער! עס זענען נאר דא גוטע מענטשן! אויב עס קומט צו מיר אן ארומע פרוי און באקלאגט זיך אז פון הימל איז זי נישט געבענטשט געווארן מיט א קינד, דאן בעט איך צום אייבערשטן. און ווייל מיין כוונה איז נאר גוט, און וויבאלד איך וויל זיין א גוטער מענטש, וועט דער אויבערשטער אויסהערן מיין תפילה! דאס איז נישט קיין נס... ער הערט אויך צו די תפילות פון אנדערע גוטע מענטשן...

* * *

א וואונדער שיינע בריק, געמאכט פון ריזיגע גלאז שטיקער, פירט אריבער די וואגאו טייך אין פישטיאן. דאס איז איינע פון די שענסטע בריקן אין דער וועלט. ביים אריינגאנג שטייט דער סטאטוע, געגאסן פון בראנז, וועלכער צוברעכט אונטערהאלט-שטעקענעס, די נאבעלע מאנטל פון געווער, פון פישטיאן.

דער ראבינער פון מונקאטש גייט יעדן אינדערפרי אריבער דעם בריק צום באד, וואס איז רייך אין וואונדערליכע וואסערן. ווי אימער ער רייזט און ווערט געפירט, פארנייגט מען דעם קאפ אלס כבוד, סיי אידן און סיי נישט-אידן. אויך מענטשן פון אנדערע רעליגיעס זענען צווישן זיינע באזוכערס, די וואס פרעגן זיין עצה. מיט זיינע קלוגע אויגן קוקט ער אריין אין די געזוכטער פון מענטשן, און קאן זיי אפליינען. איבער די גאנצע וועלט, זענען פארהאן מיליאנען מענטשן, נאכפאלגערס פון אן אפטימיסטישע וועלט, הערן זיך איין צו זיין ווערטער. די חסידים; וועגן זיי זענען שוין געשריבן ביכער! אבער קיינער האט זיי נאך נישט פארשטאנען...

**ער איז דער איינציגסטער מענטש, וואס ווארט יעדן אינדערפרי אויף משיח'ס קומען, מיט א געבעט בענדל ארום דעם שטערן... וואס וועט זיכער אנקומען פאר זיינעט וועגן.**











"איינע פון די שענסטע בריקן אין די וועלט" - אמאל און היינט



סעודת הילולא ב' סיון תשנ"ח
בצל הקודש
אינעם הויף פונעם בעל הילולא
אין שטאט מונקאטש












מֵעֶרֶב
מַזְמִינִים
כָּל מִינֵי
מַטְעַמִּים:
סעודת שבת
קודש לכל
הקהל הקודש
וועט בעה"י
צוגעשטעלט ווערן
כיד המלך אויף א
געשמאקן
ברייטן פארנעם
אורחים מחוץ לעיר
וואס ווילן מיטהאלטן
די סעודות שבת קודש
אנ"ש תושבי בארא פארק וואס ווילן
זיין סמוך על שלחן המלך - רבינו
שליט"א ביים סעודת יום השבת
זאלן זיך ביטע איינשרייבן ווי פריער אויף: 347.962.8172
בחורי אנ"ש קענען זיך איינשרייבן אויף: 929.444.5196
כי תקדמנו ברכות טוב תשית לראשו עטרת פז
יומא
דהילולא
שבת המיוחס
בצלא דמהימנותא
ב' סיון
תשפ"ד
פ"ז שנה להסתלקות רבינו הק' זי"ע
להתבשם
מנועם זיו השבת בצלא קדישא
להתחזק
בדרכיו הק' ולשנן את משנתו
להתאסף
כולנו יחד כאיש אחד בלב אחד

יומא דהילולא

שבת המיוחס בצלא דמהימנותא

ב׳ סיון תשפ״ד

פ״ז שנה להסתלקות רבינו הק׳ זי״ע

# סידורו של שבת

| תפלת מנחה ליל שבת קודש | זמן הדלקת נרות | טועמיה למטה באולם |
|---|---|---|
| 8:30 | 8:10 | 5:30 |

סעודה לכל האורחים תיכף אחר התפלה

למעלה בקומה ג׳

## שלחן הטהור ליל שבת קודש

12:00

**תפלת שחרית יום שבת קודש**

9:30

קידושא רבה לכל הקהל, למטה באולם

**סעודה לכל הקהל הקודש**

בראשות כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

בבית מדרשינו הגדול

## שלחן הטהור וסיום הש״ס לכבוד ההילולא

6:15

**תפלת מנחה וסעודת שלישית**

8:10

**זמן מוצאי שבת קודש**

9:38

תורתו מגן לנו הוא מאירת עינינו

וימליץ טוב בעדנו




KHAL MINCHAS ELUZER MINKATCH
4706 14TH AVENUE
BROOKLYN, NEW YORK 11219